בס"ד

מאמר השקפה

פרשת דברים - חזון

שנת תשפ"ב לפ"ק

# וואס איז דער חילוק פון 'חזון' ביז 'נחמו'?!

מיר שטייען יעצט ערב **שבת חזון**.

די קומענדיגע וואך איז **שבת נחמו**.

וואס איז דער משמעות פון די צוויי שבתים, וואס איז די אטמאספערע פון די צוויי שבתים?! וואס דארף דאס ברענגען פון אונטער'ן באוואוסטזיין?!

## דער ציל פון אונזער אבילות

עס איז היינט א זיידענע וועלט, מ'טאר נישט רעדן, און מ'טאר נישט זאגן, היינט איז יעדער סענסיטיוו, מ'רעדט מיט שיינע משלים און דוגמאות, אבער זאגן דעם אמת אין פנים אריין איז היינט זייער נישט עטיש, נישט חינוכ'דיג... עס ברענגט נישט די ריכטיגע 'תוצאות', ווי אנדערע האבן ליב צו זאגן, אבער פארט אין א צייטונגס ארטיקל - עס איז דאך נישט קיין אסיפת חינוך - אפשר מעג מען יא רעדן עטליכע אפענע דיבורים, דעם אמת אין פנים אריין, אזוי ווי מ'האט גערעדט אמאל.

## די אטמאספערע פון 'שבת חזון'

אין מס' ב"ב (דף נ"ט ע"ב) רעדט די גמרא ארום איבער אונזער היינטיגע חיוב אבילות אויפ'ן חורבן ביהמ"ק, וואס מ'וואלט וועלן געדארפט טון, און וואס מ'וואלט וועלן געקענט טון, און חכמינו ז"ל זאגן אז מ'זאל נישט קובע זיין קיין ענינים שאין רוב הציבור יכולין לעמוד בהן, בלויז די ענינים וואס חז"ל האבן קובע געווען, עטליכע ענינים זכר לחורבן, וואס דאס דארף מען געדענקען און איינהאלטן.

די ימי בין המצרים, די דריי וואכן מיט זייערע הלכות, די 'ניין טעג' מיט זייערע הלכות, זענען נקבע געווארן לויט וויפיל חכמינו ז"ל האבן פארשטאנען אז מ'קען פארלאנגען פון היינטיגע דורות דאס אבילות אויפ'ן חורבן ביהמ"ק.

אונזער אבילות תשעה באב, דאס זיצן אויף דער ערד, דאס פאסטן 26 שעה, דאס נישט לערנען, דאס אלעס איז די מאקסימום אבילות וואס אונזערע חכמים האבן מתקן געווען כדי מיר זאלן בלייבן מקושר, מיר זאלן נישט אויפהערן צו רעדן פונעם בית המקדש, מיר זאלן איבער'חזר'ן אז מיר האבן אן ארגינעלע היים, ובנה ירושלים עיר הקודש במהרה בימינו, ווייל אפגעזען ווי גוט עס גייט אונז אין גלות, איז נישט דא אונזער היים, און נישט דא ווען מיר קומען אל המנוחה ואל הנחלה.

> **אונזער אבילות תשעה באב, דאס זיצן אויף דער ערד, דאס פאסטן 26 שעה, דאס נישט לערנען, דאס אלעס איז די מאקסימום אבילות וואס אונזערע חכמים האבן מתקן געווען כדי מיר זאלן בלייבן מקושר, מיר זאלן נישט אויפהערן צו רעדן פונעם בית המקדש.**
>
> **והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר, 'טאטי', וואס איז די שמחה פון 'שבת נחמו?', ואף אתה אמר לו, מ'לערנט אינווייניג די פסוקים פון די הפטורה, מ'ווייזט אים אינעווייניג די פסוקי נחמה וואס דער פסוק זאגט, און מ'גיבט אריין אינעם קינד די הרגשה אז מיר אטעמען חיזוק פון די מקראי' קודש שוין טויזנטער יארן.**

מ'הערט נישט קיין מוזיק, אין די ניין טעג גיין מען נישט שווימען, מ'עסט נישט קיין פליישיגס, מ'טוישט נישט קיין וועש, מ'איז זיך נוהג מיט פארשידענע עינויי הגוף אלעס ווייל 'עס איז די ניין טעג', און דער מצב פון די ניין טעג איז 'אבילות על ציון וירושלים'.

נאטורליך, סיי ווען איבער'ן יאר א איד טראכט פון 'די ניין טעג', קומט ביי אים אויף א הרגשה פון '**אבילות**', גענוי ווי אז ווען ער טראכט פון שמחת תורה שפירט ער א הרגשה פון אהבת ה', פון '**ירוץ עבדך כמו איל ישתחוה אל מול הדרך**', 'ל"ג בעומר' ברענגט אים א סקרוך אין די ביינער, א התעלות, פסח איז אה... אה... - 'די ניין טעג' זאגט אויך מיט זיך עפעס.

## א העכערע הרגשה

ווידער '**שבת נחמו**', נחמו נחמו עמי, דער רבש"ע טרייסט אידישע קינדער, דער רבש"ע איז מחזק אידישע קינדער, דער רבש"ע הייבט אויף אידישע קינדער זייער הויך, טרייסט אייך,

זייט זיך מחזק, כאטש מ'זיצט נאך אין גלות, עס איז נאך זייער שווער דער מצב, דער מציאות איז זייער ביטער, אבער אידן וואס האבן אמונה, אידן וואס לעבן מיט אמונה ווערן העכער און אויפגעהויבן אין אזא מציאות פון שבת נחמו.

אויב 'שבת חזון' דארף אונז אויפוועקן הרגשים פון בענקעניש, צובראכנקייט, געגועין אויף א לעכטיגקייט וואס איז געווען אמאל און עס איז נישטא מער, דארף **'שבת נחמו'** נעמען דעם זעלבן צובראכענעם אידל, און אים ארייַנבלאזן הויפענעס מיט אמונה, חיזוק, מ'זאגט די הפטורה, אין יעדן ביהמ"ד הערט מען הויך דעם גאנצן ציבור אויסרופן **"נחמו נחמו עמי"**.

> **ווען 'שבת חזון' וואלט ווען געטראגן "איר" אמת'ער כאראקטער, און 'שבת נחמו' וואלט געטראגן "איר" אמת'ער כאראקטער, "מיד היו נגאלין", וואלטן מיר שוין געהאלטן נאך די גאולה שלימה.**
>
> **אומצאליגע היימישע קעמפס שיקן אהיים זייער בחורים אויף שבת נחמו צו די עלטערן, די בחורים קומען אהיים, זיי האבן זיך אנגעהערט דורכאויס די לעצטע וואכן מיט ווארימע דרשות, שיינע שיעורים, זיי האבן באקומען מושגים איבער די ימי בין המצרים, איבער גלות וגאולה, מ'האט אין זיי ארייַנגעלייגט אזויפיל כוחות, און 'שבת נחמו' קומט מען אין די קאנטרי צו די טייערע עלטערן.**

א העכערע הרגשה, א הרגשה ווי קינדער וואס כאפן זיך אן אינעם טאטן, מ'נעמט זיך ארום מיט'ן טאטן, מ'וויל זיך שיצן אונטער די פליגל פונעם טאטן. מ'איז זיך מחזק מיט די אמונה, מיט'ן **'שתרחמני עוד בגלותי לגאלני'**, טאקע אינעם עומק הגלות, אין אונזער מצב וואו מיר זענען און וואו מיר שטייען וועלן מיר זיך אויפהייבן העכער און העכער, מיר וועלן זיך אנכאפן אינעם מאנטל פונעם קעניג אין די גלות תקופה, און מיר וועלן זיך אינאיינעם אויפהייבן מאשפות ירים אביון, הויך הויך ארויף צום ריכטונג פון די גאולה שלימה.

אוי, דאס איז דאך אזוי לעכטיג, אזוי הייליג, אזוי אידישלעך, אידישע קינדער שפירן זיך אויפגעהויבן, אויפגעהייטערט, מ'איז אין א געהויבענע גייסט.

והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר, 'טאטי, וואס איז די שמחה פון 'שבת נחמו?', ואף אתה אמר לו, מ'לערנט אינווייניג די פסוקים פון די הפטורה, מ'ווייזט אים אינעווייניג די פסוקי נחמה וואס דער פסוק זאגט, און מ'גיבט אריין אינעם קינד די הרגשה אז מיר אטעמען חיזוק פון די מקראי קודש שוין טויזנטער יארן.

יא, נחמו נחמו עמי. עס איז א מצב פון נחמה.

אין די לעצטיגער צענדליגער יארן איז אין ניו יארק צוגעקומען א גאר איידעלע חסיד'ישע פינטעלע צום 'שבת נחמו', דאס איז וואס דער סקולענער רבי זצ"ל האט קובע געווען זיין סעודת הודאה און יום הצלה אין דעם זמן, און האט געברענגט א חשוב'ן ציבור. - כהיום איז דאס א ציבור לאלפים - וואס קומען זיך צונויף מוצאי שבת נחמו במקהלות רבבות להודות להלל ולשבח, אויף א גאר געהויבענעם איידעלן חסיד'ישן פארנעם, און די שעות ארוכות שבח ושירה צום הייליגן באשעפער כרחמיו וכרוב חסדיו הגדיל לנו, דאס גיסט זיך אויס אינאיינעם מיט די אויטאמאטישע נחמה פון די טעג און פון די זמנים.

היי יאר, צום צווייטן מאל - איז די סעודה צוטיילט אויף מערערע צענטערן - נאך די גרויסע אבידה מיט די ביטערע פריצייטיגע הסתלקות פונעם לעכטיגן צדיק נשגב **בעל ישועות יעקב מסקולען זצ"ל**.

אה, דער וואונד איז נאך אומפארהיילט.

## שבת זו מה אומרת?!

אפשר מעג מען זאגן מיט א ווייטאג און א קרעכץ, אלמלי שמרו ישראל שנ"י שבתו"ת מיד היו נגאלין...

ווען 'שבת חזון' וואלט ווען געטראגן "איר" אמת'ער כאראקטער, און 'שבת נחמו' וואלט געטראגן "איר" אמת'ער כאראקטער, **"מיד היו נגאלין"**, וואלטן מיר שוין געהאלטן נאך די גאולה שלימה.

מה נאמר ומה נדבר.

לאמיר אויסטון די זיידענע הענטשוך און רעדן אפן, כאטש עס איז א גרויסער ספק צי די ווערטער וועלן אנקומען וואו עס דארף, אבער לכל הפחות, אויב אין 2025 זאלן די ווערטער כאטש געדרוקט ווערן ברבים איז שוין א דערגרייכונג.

קודם, הן אמת, יא, עס זענען דא אידן וואס זייער 'שבת חזון' טראגט דעם דערמאנטן אייגנארטיגן כאראקטער, און 'שבת נחמו' טראגט איר אינערליכער באדייט.

אבער עס איז אויך דא א גרויסער פראצענט כלל ישראל וואס איז זייער אנדערש.

לאמיר זיך נישט פאפן, מיר רעדן דא נישט פון רעפארמער, און נישט פון נעאלאגן, נישט קאנסערוואטיוון, און אויך נישט מאדערן-ארטאדאקס, בכלל נישט צו די סארט ווידמען מיר אונזערע שורות, אונזער צייט און כח

מיר רעדן דא פון "**היימישע, חסיד'ישע, אפגעהיטענע אידן**", וואס ווילן 'געפעלן פאר זייערע זיידעס', וואס 'ווילן האבן פיינע קינדער', 'זיי ווילן טון גוטע שידוכים', זיי ווילן אין ביהמ"ד זאל מען זאגן אז 'ער האט א פיינע שטוב', 'ער האט איידימער בני תורה', אבער זיי זענען נישט גרייט אוועק צו געבן פון זייער מגושמ'דיגע וועלט א משהו, אז זיי זאלן מעגן זוכה זיין דערצו.

די סארט אידן האבן עפעס נישט געלערנט די משנה פון 'העולם הזה דומה לפרוזדור', זיי זענען רעדי צו אינוועסטירן אינעם עולם הזה, אויף אן אופן פון 'הער טו סטעי'! אין אנדערע ווערטער קאלאברירן מיט די 'מחנה מגושמים' - כאטש זיי ווילן נישט אפיציעל זיין אין דער קאטעגאריע.

יעדער סוחר ווייסט אז צו ווערן אן עושר דארף מען אינוועסטירן, איינער אינוועסטירט געלט א צווייטער אינוועסטירט כוחות, אבער אן משקיע זיין קען מען נישט ארויסנעמען.

אבער די מענטשן פארגעסן זיך, זיי מיינען אז מ'קען איינזייען קוצים מכאיבים, שטעכעדיגע דערנער, און ארויסנעמען א 'פיינע שטוב', 'געלונגענע קינדער'.

אט די מענטשן, צומאל האבן זיי 'פאוער', זיי וועלן איבערדרייען וועלטן אז זייער בחור זאל ווערן אנגענומען אין די בעסטע ישיבה. אייגנטליך פארוואס דארף ער אז זיין בחור זאל לערנען אין א ישיבה וואס פאסט בכלל נישט פאר אים?! ווייל אויב א חבר וועט אים איינמאל פרעגן אין מקוה "וואו לערנט דיין בחור?", זאל ער זיך נישט דארפן קראצן און ענטפערן 'אין א ישיבה וואו איך באלאנג וועץ', נאר מאכן אן איינדרוק 'איך בין אן עושר מיט קינדער מצוינים'... זאל מען רעדן אין ביהמ"ד אז ער איז זוכה לשתי שולחנות.

יא יא, א גוטע תאוה זיך צו עקשנ'ען אז דער בחור זאל לערנען אין א 'גוטע ישיבה', אבער דער בחור באקומט חינוך אין זיין ישיבה, און ער קומט נאכדעם אהיים, און דארט זעט ער ביי זיינע עלטערן א 'חתיכה אחת גשם', ממש מ'דארף מאכן 'מוריד הגש"ם' אפילו אין די זומער טעג, "ולגשמי"ם בעתם ולרפואה שלימה" בנשימה אחת, אה, מחנה מגושמים במיטבה.

'די ניין טעג' מיינט נאר מילכיגע רעסטוראנטן, נישטא קיין זכר פון קיין שבת חזון, אלעס איז נאר קרעכצן און ווייטאגן אויפן 'פרעשור' פון די ניין טעג, נישטא קיין 'פראבלעם' פון שאוער מיט זייפן. אז מ'דארף ממעט זיין מיט איין סארט תענוג על פי הלכה, איז מען דאס ממלא תיכף מיט א ים פון אנדערע תענוגים וואס שטייען ביים 'גרעניץ', אזוי אז דער באגריף פון 'שבת חזון' גייט אריין אינעם [illegible]

פון א שבת וואס מ'קוקט ארויס און מ'ווארט שוין קוים צו פטור ווערן פון דעם 'אומגעוואונטשענעם נערוון קריכער' וואס ברענגט נאך זאכן וואס 'מען טאר נישט'.

ווידער 'שבת נחמו' איז פארוואנדלט געווארן אין א 'שבת פריקת עול'.

יא, נאכאמאל, מיר חזר'ן דאס איבער הויך אויפ'ן קול, ווייל דאס איז דער מציאות.

אומצאליגע היימישע קעמפס שיקן אהיים זייער בחורים אויף שבת נחמו צו די עלטערן, די בחורים קומען אהיים, זיי האבן זיך אנגעהערט דורכאויס די לעצטע וואכן מיט ווארימע דרשות, שיינע שיעורים, זיי האבן באקומען מושגים איבער די ימי בין המצרים, איבער גלות וגאולה, מ'האט אין זיי אריינגעלייגט אזויפיל כוחות, און 'שבת נחמו' קומט מען אין די קאנטרי צו די טייערע עלטערן.

## וואס מיינט 'נחמו' אין די קאנטרי?

דער טאטע שפילט באלל מוצאי שבת... מ'ברענגט א קאנצערט אין קאנטרי, א 'קומזיץ', יעדער אפגעריסענער

**יא יא, א גוטע תאוה זיך צו עקשנ'ען אז דער בחור זאל לערנען אין א 'גוטע ישיבה', אבער דער בחור באקומט חינוך אין זיין ישיבה, און ער קומט נאכדעם אהיים, און דארט זעט ער ביי זיינע עלטערן א 'חתיכה אחת גשם', ממש מ'דארף מאכן 'מוריד הגש"ם' אפילו אין די זומער טעג, "ולגשמי"ם בעתם ולרפואה שלימה" בנשימה אחת, אה, מחנה מגושמים במיטבה.**

**מ'דארף זיך אפגעבן אן אמת'ן חשבון הנפש, וואס איז דאס 'שבת חזון', און וואס איז דאס 'שבת נחמו'?!**

פראסטער זינגער איז דער העלד און 'הירא', מ'בראט פלייש אויף די גאס, מ'טרינקט וויין ביז מ'ווערט שיכור, מ'נעמט זיך טאנצן, און דאן גייט מען שווימען עד אור הבוקר.

און מיר רעדן שוין אפילו נישט פון די אלע אידן, משפחות, מקומות, וואו מ'קומט זיך צוזאמען אין האטעלן אנשים ונשים בחוסר צניעות ושאר מרעין בישין און עשר מכות. די זענען ניטאמאל ווערד דאס פאפיר, שוין באלד ראש חודש אלול.

## וואס איז אמת'ע שמחה

אין די טעג איז געווען די דריטע יארצייט פון **כ"ק הגה"צ רבי יצחק טובי' ווייס זלה"ה בעל שערי טובי', גאב"ד ירושלים עיה"ק.**

מיר האבן געהערט א שיינע אויפפאסונג משמו.

נאך אין די פריערדיגע יארן אלס דומ"צ מחזיקי הדת איז

אנטווערפן איז ער געזעסן ביי א דרשה פון **הגאון רבי אלי' שטערנבוך זלה"ה ראב"ד** קהל מחזיקי הדת **אנטווערפן**, און דער ראב"ד האט געפרעגט אויף דעם וואס חכמינו ז"ל זאגן (מו"ק דף ט' ע"א) אז ווען מ'האט באנייט דעם ביהמ"ק בימי שלמה המלך זענען אידן אהיימגעגאנגען (מלכים א', ח', סו) 'וילכו לאהליהם שמחים וטובי לב, שנהנו מזיו השכינה'.

לכאורה פון וואו נעמען חכמינו ז"ל צו זאגן אז די סיבה פון די שמחה איז געווען שנהנו מזיו השכינה? אפשר איז געווען די סיבה ווייל זיי האבן דאך געהאט אינדערהיים גוטע סעודות מיט פלייש און וויין - וואס שלמה המלך האט דאן געטיילט לכבוד חנוכת בית המקדש - און דאס האט געברענגט די שמחה?

האט רבי אלי' אויסגעפירט "פון דא איז א ראי' אז גשמיות ברענגט נישט קיין שמחה, עס בלייבט דערפון גארנישט, אן אמת'ע שמחה וואס בלייבט איז נאר א רוחניות'דיגע שמחה, וועגן דעם שטייט וילכו לבתיהם, אז די שמחה איז געבליבן אפילו שפעטער ווען זיי זענען שוין אהיים געגאנגען צו זייערע הייזער".

נאך די דרשה איז דער ירושלים'ער רב צוגעגאנגען צו אים און געזאגט "איך האב א ראי' צו אייערע ווערטער פון א תשובת חת"ס, ווייל דער חת"ס זאגט אז דאס וואס מ'טאר נישט לערנען ערב תשעה באב איז נישט מחמת אבילות, נאר ווייל אויב ער וועט לערנען נאכמיטאג וועט ער האבן דערפון שמחה תשעה באב ביינאכט".

לכאורה דארף מען פארשטיין, ווען תשעה באב געפאלט מוצש"ק מעג מען עסן ביי שלש סעודות א סעודת שלמה בשעתו, פארוואס זאל מען נישט חייש זיין אז ער וועט נאך הנאה האבן פון די געשמאקע סעודה תשעה באב ביינאכט?! אלא מאי איז א ראי' אז גשמיות איז נישט קיין אמת'ע שמחה, און די הנאה וואס מ'שפירט איז נאר אויף די מינוט, און עס האט נישט קיין השפעה אויף שפעטער.

האט צוגעלייגט תלמידו הנאמן הרה"ג ר' יצחק אייזיק קרישעווסקי שליט"א "אנן מה נענה אבתרי', וואס פארא שמחה של מצוה, און וואספארא רגש שפירט מען זונטאג פרשת עקב אינדערפרי נאכן אפפראוועגען א מגושם'דיגן 'שבת נחמו' און א אפגעריסענעם מוצאי שבת נחמו 'פעסטיוואל'. אוי ווי.

## מ'קען נישט טאנצן אויף ביידע חתונות

לאמיר זיך נישט פאפן טייערע אידן: דאס איז סם המות!

לערנט אייך אויס, מ'קען נישט טאנצן אויף ביידע חתונות! עס איז נישט קיין וועלט וואו מ'קען פאפן קינדער.

למען האמת וואלט מען ווען געדארפט אויפהענגען טאוולען אין די אלע קאנטריס און האטעלן "שבת התפרקות"!

פריקת עול מלכות שמים! דאס איז ליידער דער 'שבת נחמו' ביי די אידן.

עס איז די אידן נישטא וואס צו מנחם זיין, זיי האבן נישט מתאבל געווען, זיי האבן כמעט גארנישט מוותר געווען פון זייערע תענוגים, עס פעלט זיי גארנישט.

נישט '**שבת חזון**' האט ביי זיי עפעס געמיינט, און נישט '**שבת נחמו**' מיינט עפעס.

מעגליך אז די אידן האבן אפילו מורא אז משיח וועט קומען, ווייל זיי זענען נישט זיכער אז זייער זומער-היים אין די מאונטענס וועט מיטקומען קיין אר"י בזמן הגאולה... ליידער.

**לערנט אייך אויס, מ'קען נישט טאנצן אויף ביידע חתונות! עס איז נישט קיין וועלט וואו מ'קען פאפן קינדער.**

**למען האמת וואלט מען ווען געדארפט אויפהענגען טאוולען אין די אלע קאנטריס און האטעלן "שבת התפרקות"!**

**פריקת עול מלכות שמים! דאס איז ליידער דער 'שבת נחמו' ביי די אידן.**

**עס איז די אידן נישטא וואס צו מנחם זיין, זיי האבן נישט מתאבל געווען, זיי האבן כמעט גארנישט מוותר געווען פון זייערע תענוגים, עס פעלט זיי גארנישט.**

אבער צו שבת נחמו זענען זיי גרויסע מחותנים, יעצט זענען זיי דא, יעצט ווילן זיי פראווען, יעצט ווילן זיי פייערן, און דאס איז ליידער דער אמת'ער סטעמפל פונעם מצב וואו מיר שטייען כהיום הזה.

האמת ניתן להאמר, עס האט נישט קיין שום זין זיך צו פאפן. מענטשן וועלכע זענען פארנומען א גאנץ יאר צו מאכן אן ערנסטן פנים, און לייגן אריין כוחות אז מ'זאל זאגן אז 'ער האט א תורה'דיגע שטוב, א חסיד'ישע שטוב', בו בזמן ווען דער לעכטיגער ישיבה בחור וועט אויך זיצן און קייען מילכיגע פיצא ביים פליישיגן גריל אינעם 'מוצאי שבת התפרקות', דאס ארבעט נישט אינאיינעם.

עס איז א חרפה ובושה ווען מנהלי הישיבות ווילן נישט אהיים שיקן די בחורים אויף שבת נחמו - און זיי טוישן דאס ליבערשט אויף א וואך פריער - ווייל זיי זענען באזארגט אז דער בחור וועט זען וואס דער טאטע טוט אין קאנטרי ביים 'שבת נחמו פעסטיוואל' וועט די הארעוואניע פון איבערן יאר חרוב גיין.

מ'דארף זיך אפגעבן אן אמת'ן חשבון הנפש, וואס איז דאס 'שבת חזון', און וואס איז דאס 'שבת נחמו'?!

וואויל און לעכטיג איז פאר דעם וואס דער שבת איז א חלק פון זיינע מועדי וזמני השנה...